# אויב תשובה- טאן אין א מצוה

נשא   ראה   אלול   יום כפור

תשובה / ווידוי / תפילה / כוונת התפילה
מצוה כללית / מצוה שבלב

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

דער רמב"ם שרייבט אין ספר המצוות[1] "שצונו להתודות על העוונות והחטאים שחטאנו לפני הא-ל ולאמר אותם עם התשובה." (די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט צו זיך מתוודה זיין אויף די עבירות וואָס מען איז באַגאַנגען פאַרן אויבערשטן - ווען מען טוט תשובה.)

עס איז פאַראַן אַ באַוואוסטע שאלה: פאַרוואָס ברייינגט דער רמב"ם אין ספר המצוות נאָר די מצוה פון ווידוי און ניט די מצוה פון תשובה?

דער מנחת חינוך[2] לערנט אַז דער רמב"ם האַלט אַז עס איז ניטאָ קיין מצוה מן התורה צו תשובה טאָן. נאָר, אַז אויב איינער איז מחליט אַז ער וויל תשובה טאָן זאָגט די תורה אַז מען דאַרף זיך אויך מתוודה זיין.

> לכאורה קען מען פרעגן: עס איז דאָ אַ פסוק וואָס זאָגט אָן בפירוש אויף תשובה. עס שטייט אין פסוק[3] "ושבת עד ה' אלקיך!"

> איז דאָס קיין קשיא ניט, ווייל אין דער טייטש פון דער פסוק איז פאַראַן אַ מחלוקת ראשונים:

> דער רמב"ן[4] טייטשט דער פסוק, אַז די תורה זאָגט אָן אַז מען דאַרף תשובה טאָן. דאָס הייסט אַז מן התורה איז יאָ פאַראַן אַ מצוה צו טאָן תשובה. דער סמ"ק האַלט אויך אַזוי און רעכנט מצות תשובה אַלס איינע פון די תרי"ג מצוות.

> דער רמב"ם[5] אָבער טייטשט אַז דער פסוק איז אַ הבטחה און אַ סיפור דברים, די תורה זאָגט צו אַז עס וועט קומען אַ צייט אַז די אידן וועלן תשובה טאָן, און דורך דעם וועט קומען די גאולה. ווי חז"ל זאָגן[6] "אין ישראל נגאלין אלא בתשובה."

> קומט אויס, אַז לויט דער רמב"ם איז דער פסוק ניט קיין מקור אויף מצות התשובה.

1. מצות עשה עג
2. מצוה שסד
3. ראה ל, ב
4. ראה ל, יא
5. הלכות תשובה פרק ה' הלכה ה'
6. יומא פו, ב

אָבער לכאורה קען מען ניט לערנען ווי דער מנחת חינוך, ווייל אין דער כותרת פון הלכות תשובה שרייבט דער רמב"ם קלאָרערהייט "מצות עשה אחת והיא **שישוב** החוטא מחטאו לפני ה' ויתוודה," זעט מען אַז דער רמב"ם האַלט יאָ אַז עס איז פאַראַן אַ מצוה צו תשובה טאָן!

אַנדערע קריגן זיך טאַקע אויפן מנחת חינוך און האַלטן אַז לויט דער רמב"ם איז מן התורה יאָ פאַראַן אַ מצוה צו תשובה טאָן.

דאַרף מען פאַרשטיין: לויט אָט די שיטות, פאַרוואָס רעכנט ניט דער רמב"ם מצות תשובה אין ספר המצוות?

ב מען קען לכאורה זאָגן אַ פשוט'ער ענטפער: אין אָנהויב פון ספר המצוות שרייבט דער רמב"ם כללים (וואָס ווערן אָנגערופן שרשים) וואָס לויט זיי ווייס מען וועלכע מצוות ווערן גערעכנט אין חשבון פון תרי"ג מצוות.

אין שרש ד' שרייבט דער רמב"ם, "אין ראוי למנות הציוויים הכוללים התורה כולה וכו'". דאָס הייסט אַז אַזעלכע מצוות וואָס האָבן ניט קיין "מעשה מיוחד" וואָס מען וואָלט ניט געוואוסט פון אַנדערע מצוות, נאָר זייער גאַנצער תוכן איז אַ אזהרה אָדער חיזוק צו מקיים זיין אַנדערע מצוות התורה, ווערן ניט גערעכנט אין ספר המצוות.

לויט דעם קען מען זאָגן: זיכער האַלט דער רמב"ם אַז מן התורה איז מען מחוייב צו תשובה טאָן. נאָר וויבאַלד אַז דער תוכן פון מצות תשובה איז ווי דער רמב"ם שרייבט[7] "ומה היא מצות התשובה, הוא שיעזוב החוטא חטאו . . ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד" (וואָס איז תשובה, אַז מען זאָל איבער לאָזן דער חטא און באַשליסן אין האַרצן צו אַזוי מער ניט טאָן,) וואָס דאָס מיינט אַז דער ענין התשובה איז נאָר אַז מען זאָל מחזק זיין דער קיום פון אַנדערע מצוות, און האָט אין זיך ניט קיין מיוחד'יקע מעשה, דעריבער, ווערט מצות התשובה ניט גערעכנט אין מנין המצוות.

7. הלכות תשובה פרק ב' הלכה ב'

אָבער מצות ווידוי איז אַ מעשה מיוחד, און דעריבער ווערט עס פאַררעכנט אַלס איינע פון די תרי״ג מצוות.

עס איז אָבער שווער אַזוי צו לערנען, ווייל איינע פון די ענינים אין תשובה איז חרטה אויף די באַגאַנגענע עבירות, און חרטה וואָלט מען נישט געוואוסט פון די אַנדערע מצוות אין תורה, קומט אויס אַז תשובה איז אַ ״מעשה מיוחד.״

ג צו דאָס פאַרשטיין דאַרף מען ערשט מקדים זיין אַ ביאור אין ענין התפילה:

ביי אַנדערע מצוות געפינט מען אַז אויב מען האָט ניט קיין כוונה ביים קיום המצוה איז מען ניט יוצא. לדוגמא, אויב איינער האָט ניט געהאַט קיין כוונה ווען ער האָט אָנגעטאָן תפילין, אַז ער טוט מיט דעם אַ מצוה פון דעם אויבערשטן, איז ער ניט יוצא, אָבער מען זאָגט ניט אַז ער האָט ניט געלייגט תפילין.

ביי תפילה אָבער שרייבט דער רמב״ם:[8] ״כל תפילה שאינה בכוונה אינה תפילה״ (תפילה אָן כוונה איז קיין תפילה ניט!)

דער ביאור אין דעם: דער ענין התפילה איז אַז מען פילט ווי מען בעט ביי דעם אויבערשטן זיינע צרכים, ווי דער רמב״ם שרייבט פריער[9] ״חיוב מצוה זו כך הוא, שיהא אדם מתחנן ומתפלל בכל יום״. דאָס הייסט אַז תפילה איז אַז מען בעט ביי דער אויבערשטן. במילא, אויב מען פילט ניט אַז מען בעט ביים אויבערשטן, הייסט דאָס אַז ער האָט ניט געבעטן!

פונדעסטוועגן, אין אָנהויב פון ספר יד החזקה וואו עס ווערן אויסגערעכנט אַלע תרי״ג מצוות שרייבט דער רמב״ם[10] אַז די מצוה איז ״להתפלל״, וואָס דאָס מיינט בעיקר זאָגן די ווערטער, און שרייבט ניט אַז די מצוה איז ״להתחנן״ - צו בעטן!

8. הלכות תפלה פרק א׳ הלכה ט״ו
9. שם, הלכה ב׳
10. מצות עשה ה

דער טעם אויף דעם איז: ווען אין אַ מצוה איז פאַראַן צוויי חלקים, ווי ביי תפילה, וואָס עס איז פאַראַן דער חלק המעשה - זאָגן די ווערטער, און דער חלק המחשבה - כוונה, אַז מען בעט ביי דעם אויבערשטן, ווערט גערעכנט אין מנין המצוות נאָר דער חלק **המעשה**.

> מען געפינט די זעלבע זאַך ביי נאָך אַ מצוה: ביי מצות תלמוד תורה ווערט אָפּגעפּסקנ'ט אין שולחן ערוך[11] אַז אויב מען לערנט נאָר בהרהור קען מען ניט מאַכן ברכת התורה, כאָטש אַז דער עיקר ענין פון תלמוד תורה (תורה שבעל פה) איז צו פאַרשטיין וואָס מען לערנט.

**ד**לויט דעם איז דער מבי"ט אין קרית ספר - זיין ספר אויפן רמב"ם,[12] מבאר דאָס וואָס דער רמב"ם רעכנט נאָר מצות ווידוי און ניט מצות התשובה:

אין דער כותרת פון הלכות תשובה שרייבט דער רמב"ם "מצות עשה אחת והיא שישוב החוטא מחטאו ויתוודה," דאָס הייסט אַז תשובה און ווידוי זיינען באמת צוויי חלקים פון איין מצוה.

לויט דעם איז פאַרשטאנדיק: וויבאַלד אַז זיי זיינען צוויי חלקים פון איין מצוה, תשובה איז דער חלק המחשבה, און ווידוי איז דער חלק המעשה, ווערט גערעכנט אין ספר המצוות נאָר דער חלק המעשה.

**ה**דער אַלטער רבי אין לקוטי תורה איז מבאר דאָס וואָס חז"ל נוצן דער לשון "תשובה ומעשים טובים." וואָס לכאורה וואָס איז דער קשר פון די צוויי ענינים, תשובה איז מתקן עבירות, און מעשים טובים זיינען נייע מצוות וואָס מען טוט?

איז דער אַלטער רבי מבאר: דער גאַנצער ענין פון תשובה איז, אַז נאָכדעם זאָל דער קיום התורה און מצוות זיין אויף אַ סך אַ בעסערן אופן, ביז אַז זיינע מצוות ווערן מעשים טובים, מעשים וואָס זיינען ליכטיג און מעשים וואָס באַלייכטן!

על פי לקוטי שיחות חלק ל"ח פרשת נשא שיחה א'

11. הלכות תלמוד תורה לאדמוה"ז פרק ב' הלכה י"ב
12. ריש הלכות תשובה

## קיצור לחזרה

1. קשיא, מדוע לא מנה הרמב"ם מצות התשובה.
2. ביאור המנחת חינוך שאין תשובה מצוה מן התורה ופירוכו, קושיא מהפסוק "ושבת עד ה' אלוקיך" ויישובו.
3. עוד ביאור, שתשובה היא מצוה כללית ופירוכו.
4. ביאור בענין התפילה, כוונה ומעשה. עוד דוגמא ממצות תלמוד תורה.
5. על פי זה ביאור בתשובה שגם בה יש ב' ענינים: תשובה (בלב) ווידוי (בפה).
6. ביאור הלשון "תשובה ומעשים טובים".